**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/16/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

## גאווערנער האָקול אנאנסירט 500,000 גרענט און שותפות מיט IMG צו שטיצן זעלבסטשטענדיגע דעזיינערס אין לויף פון ׳ניו יארק פעשען וויק׳

***׳ניו יארק פעשען וויק׳ הייבט ארויס די זיכערע עקאנאמישע צוריקעפענונג און ערהוילונג פון אמעריקע׳ס קליידונג מאָדעס קאפיטאל***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט געמאלדן א צוזאמענארבעט מיט IMG איינצופירן א 500,000 דאלערדיגע גרענט פראגראם ארויסצוהעלפן קלענערע, זעלבסטשטענדיגע קליידונג און מאָדעס אויסטיליזירער מיט גרענטס פון 50,000 דאלער פאר יעדע באזונדער אויף צו דעקן געוויסע קאסטן פון זייערע ׳ניו יארק פעשען וויק׳ פארשטעלונג פראדוקציעס פאר דעם סעפטעמבער 2022 סעזאן. IMG וועט איינפירן און פארוואלטן אן אפליקאציע פראצעס פאר אויסוועהלן צען גרענט באקומער באזירט אויף א צאל באדינגונגען אויסגעארבעט דורך IMG אין צוזאמענארבעט מיט ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳.

״פעשען וויק אנערקענט ניו יארק׳ס ראלע אלס דער פעשען קאפיטאל פון דער וועלט, ציענדיג און אינספירירנדיג אן אומפארגלייכבארע אויסוואל פון שאפערישע טאלאנט,״ **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** ״אזוי ווי מיר קערן זיך אום פון דעם פאנדעמיק, איז העכסט-נייטיג אז מיר פריאריטיזירן דער ערהוילונג פון איינע פון ניו יארק׳ס מערסט דערהייטערנדע און דינאמישע אינדוסטריעס. דורך צוזאמענארבעטן מיט **ניו יארק׳ס** בעסטע קליינע און זעלבסטשטענדיג דעזיינערס פארשטערקערן מיר אונזער עקאנאמיע און שטיצן לעבהאפטע אנטוויקלונג אין דער קריטיש-וויכטיגער אינדוסטריע.״

דער גרענט פראגראם וועט העלפן שטיצן דעם לעבהאפטן אומקער פון דעם ניו יארק קליידונג מאָדעס אינדוסטריע נאך קאָוויד-19, צוציען און אנהאלטן ניו יארק׳ס פעשען טאלאנט און ערמעגליכן פאר מער קליינע און זעלבסטשטענדיגע ניו יארק-באזירטע דעזיינערס זיך צו באטייליגן אין ערהוילונג באמיאונגען. די געלעגנהייט ארויסצושטעלן צום ערשט נייע קאלעקשענס צו קויפער, מידיע, אינדוסטריע, און קאנסומער אודיענצן גיבט כחות פאר דער אנגייענדער ערפאלג פון פעשען דעזיינערס ביזנעסער אין אמעריקע׳ס פעשען קאפיטאל.

די פובליק און פריוואטע סעקטארן ארבעטן אינאיינעם צו שטיצן קלענערע ביזנעסער באטראפן בשעת׳ן צוריקשטעלן און שאפן נייע דזשאבס פאר ניו יארקערס. די פעשען, ריטעיל, און שאפערישע אינדוסטריעס אינאיינעם פארטרעט א הויפט עקאנאמישע מאטאר ניו יארק סטעיט, וועלכס איז אומפראפארציאנעל באטראפן געווארן דורך דער קאוויד-19 פאנדעמיע. בעפאר דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, האט ניו יארק סיטי׳ס פעשען אינדוסטריע באשעפטיגט 4.6 פראצענט פון דער שטאט׳ס ארבעטסקראפט, שאפנדיג אומגעפער 11 ביליאן דאלער אין סך הכל וועידזשעס. די גאווערנער האט זיך באטייליגט אין דעם פראענזא סשאולער פארשטעלונג אום פרייטאג, פעברואר 11 אויף ארויסצוהייבן די אינדוסטריע׳סביישטייערונגען צו דער סטעיט עקאנאמיע.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ קאמיסיאנערין, פרעזידענט און CEO האופ נייט, האט געזאגט,** ״ניו יארק סיטי איז דער שאפערישן זעל און עקאנאמישן מאטאר פון דער פעשען אינדוסטריע. גאווערנער האוקול׳ס צוזאמארבעטשאפט מיט IMG איינצופירן דער גרענט פראגראם וועט געבן א גרופע קליינע, זעלבסטשטענדיגע דעזיינערס צוטריט צו די ראַנוועי אין לויף פון פעשען וואך, וועלכס וועט דערנאך שטיצן א גאנצער נעטוואָרק פון שאפער און ביזנעסער, פון שניידער צו שטיצע שטאב, וועלכע זענען די הארץ פון ניו יארק׳ס אייגנארטיגן כאראקטער.״

**פרעזידענט פון IMG's פעשען פראגראמען און פראָפּערטיס לעסלי רוסא האט געזאגט,** ״מיר זענען דאנקבאר צו גאווערנער האקול און ניו יארק סטעיט פאר זייער אנגייענדע שותפות אין אונזער איניציאטיוון צו שטיצן די ניו יארק פעשען קאמיוניטי. אונזער סטעיט איז א מוסטער פון פירערשאפט אין דער אלוועלטליכער ערהוילונג פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע, און עס איז צוליב זייערע אנווייזונגען וואס מיר האבן געקענט העלפן די אינדוסטריע זיך איבערבויען נאך די איבערקערנדע תוצאות פון די פארלאפענע צוויי יאר. צוזאמארבעטן מיט ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ וועט ווייטער צוגעבן פארשידנארטיגע קולות פון ׳ניו יארק פעשען וויק׳ און פארזיכערן אז מיר וועלן פארזעצן ווייטער צו שטיצן נייע דורות פון טאלאנט און פארטרעטן אמעריקאנע פעשען אויף דער אלוועלטליכער פעשען באלעמער פאר יארן אין דעם צוקונפט.

אין סעפטעמבער 2021, האט IMG געפארעמט דעם ׳פעשען עלייענס׳ צו שאפן א הויפט חלק פאר ׳ניו יארק פעשען וויקס׳ אויפלעבונג אין אפרוף צו דער קאָוויד-19 פאנדעמיע און צושטעלן שטיצע, פינאנצירונג און הילפס-מיטלען פאר א גרופע ׳ניו יארק פעשען וויק׳ זעלבסטשטענדיגע דעזיינער ברענדס ביז אריין אין 2022. דער נייער גרענט פינאנצירט דורך ניו יארק סטעיט וועט העלפן באזארגן נאך שטיצע צו מער זעלבסטשטענדיגע דעזיינערס באזירט אין ניו יארק.

׳ניו יארק פעשען וויק׳: דער פארשטעלונג קומט פאר דעם סעזאן פון פעברואר 11 ביז 16, לעבעדיג פון ספרינג סטודיאס אין אונטער-מאנהעטען, און איז דער אפיציעלער פראגראם פון ׳ניו יארק פעשען וויק׳. א באווייז פון פולקאמע קאָוויד-19 וואקסינאציע, אריינגערעכנט דורך עקסעלסיאָר פּאַס, עקסעלסיאָר פּאַס פלוס אדער אנדערע פעסטשטעלונג מיטלען, איז פארלאנגט ביי אלע ׳NYFW: די שאויס׳ פארקומענישן דעם פעברואר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418